**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/29/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול דעקט אויף נייע רעוואלווער פארכאפונג און פארברעכנס דאטא וואס ווייזט פארשריטן אין באקעמפן רעוואלווער געוואלד-פארברעכנס עפידעמיע**

***סטעיט פאליציי האבן פארכאפט 662 רעוואלווער אין 2022 , פארטרעט א 98 פראצענט אויפשטייג אין פארגלייך מיט דער זעלבער צייט אפשניט אין 2021***

***פארשוואונדניגע רעוואלווער פארכאפונגען זענען געשטיגן מיט 38 פראצענט אין פארגלייך מיט׳ן זעלבן צייט אפשניט אין 2021***

***סטעיט פאליציי האבן דורכגעפירט 346 רעוואלווער-דערווישונג אויספארשונגען אין 2022, רעזולטירנדיג אין 70 אויספארשונג רמזים איבער 22 סטעיטס***

***אומערמידליכע באמיאונגען קומען אינאיינעם מיט׳ן ערשטן מינערונג אין ניו יארק סיטי רעוואלווער געוואלד-פארברעכנס אין איבער צוויי יאר, שיסעריייען אינצידענטן אראפ 12 פראצענט אין ניו יארק סיטי אין פארגלייך מיט פאריגעס יאר***

***שיסעריי אינצידענטן אראפ באלד 7 פראצענט אין 20 יוריסדיקציעס וועלכע נעמען אנטייל אין סטעיט רעוואלווער-פארבינדענע געוואלד-פארברעכנס עלימינירן (GIVE) איניציאטיוו***

***גאווערנער האוקול זעצט פאר ווייטער נאענט צו ארבעטן מיט דער לעגיסלאטור אויף נייע פאָליסי אין אפרוף צו הויכער געריכט ׳באהאלטענע טראגעריי׳ פסק; אויסערגעווענטליכע סעסיע באשטימט פאר דאנערשטאג***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויפגעדעקט נייע דאטא אויף רעוואלווער פארכאפונגען, רעוואלווער דערווישונג אויספארשונגען און רעוואלווער-פארבינדענע פארברעכנס וועלכע צייגן אז ניו יארק סטעיט׳ס אומערמידליכע באמיאונגען און סטראטעגישע אינוועסטירונגען צו באקעמפן די רעוואלווער געוואלד-פארברעכנס עפידעמיע הייבן אן צו ווייזן צייכנס פון פארשריטן. די דאטא אנטהאלט א באדייטנדע יאר-איבער-יאר אויפשטייג אין סטעיט פאליציי רעוואלווער און פארשוואונדניגע-רעוואלווער פארכאפונג —ביידע פאלן אויף איין מאל מיט׳ן שאפן דעם ׳אינטערסטעיט טעסק-פאָרס אויף אומגעזעצליכע רעוואלווערס׳. די גאווערנער האט אויך ארויסגעהויבן די ערשטע דערקענענדע מינערונג אין ניו יארק סיטי רעוואלווער פארברעכנס אין איבער צוויי יאר — מיט א 12 פראצענטיגע רעדוקציע אין שיסעריי אינצידענטן איבער דעם לעצטן יאר. אויסער ניו יארק סיטי, נעמען אנטייל 20 יוריסדיקציעס אין דעם סטעיט׳ס ׳רעוואלווער-פארמישטע געוואלד-פארברעכנס עלימינאציע׳ (GIVE) אונטערנעמונג האבן געזען א באלד זיבן-פראצענטיגע רעדוקציע אין שיסעריי אינצידענטן אין פארגלייך מיט פאריגעס יאר.

״מיט באדייטנדע סטעיט אינוועסטירונג אין רעוואלווער גוואלד-פארברעכנס פארמיידן פראגראמען און פרעצעדענטלאזע צוזאמארבעט צווישן געזעץ אינפארסיר אגענטורן, הייבן מיר אן צו זען באדייטנדע פארשריט אין אונזער אומערמידליכע באמיאונגען אויסצוראטן רעוואלווער גוואלד-פארברעכנס פון אונזערע קאמיוניטיס,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״מיר טוען אגרעסיוו העכערן אונזערע באמיאונגען אפצורוימען טויטליכע געווער — אריינגערעכנט גייסטער-רעוואלווער — פון אונזערע גאסן, און האבן אויסגעארבעט הונדערטער אויספארשונג שפורן איבערשפאנענדיג 22 סטעיטס — ארבעט וועלכע רעזולטירט אין די ערשטע אנזעעוודיגע רעדוקציע אין רעוואלווער גוואלד-פארברעכנס אין איבער צוויי יאר. כאטש מען קען נישט לייקענען די פארשריטן, הייבט זיך אבער אונזער ארבעט ערשט איצט אן. אויף די שפורן פון די אומ׳אחריות׳דיגע הויכער געריכט פסק אראפצוקלאפן די ׳פאסיגע סיבה׳ פראוויזיע פון ניו יארק׳ס ׳באהאלטענע טראגעריי׳ געזעץ, ברענג איך צונויף אן אויסערגעוועגטליכע סעסיע פון דער לעגיסלאטור מארגן, וואו מיר וועלן דורכפירן נייע פּאָליסי וועלכס וועט פארזיכטיג רעגולירן צוטריט צו ׳באהאלטענע טראגעריי׳ פערמיטס אינדערינען פון די באצוימונגען פון דעם פסק. מיין שטאב ארבעט מיט׳ן לעגיסלאטור גאנצע מעת לעת דאס ריכטיג אויפצוטון. מיר וועלן זיך אויף גארנישט אפשטעלן ווען עס קומט צו באשיצן ניו יארקער.״

״איך שליס מיך אן מיט גאווערנער האוקול אין רופן פאר פשוט-שכל׳דיגע לעגאלע שטאנדהאפטיגע רעוואלווער געזעצן וועלכע וועלן האלטן ניו יארקער אפגעהיטן,״ **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא.** ״דער ׳אינטערסטעיט טעסק-פאָרס אויף אומגעזעצליכע רעוואלווערס׳ מאכט גאר גוטע פארשריטן אבער מער ארבעט איז נאך נייטיג אויף צו פארזיכערן אז רעוואלווערס פאלן נישט אריין אין בייזע הענט, און מיט דאס צונויפקומען פון דער לעגיסלאטור דער וואך האפן מיר באלד צו האבן זיניגע ׳באהאלטענע טראגעריי׳ געזעצן אין פלאץ אויף צו העלפן באהיטן ניו יארקער אויף פובליק טראנספארטאציע און אין ביזנעסער.״

גאווערנער האוקול האט אויסגעלייגט די הויפט הויכפונקטן דורכאויס א פרעסע קאנפערענץ נאכפאלגנדיג א זיצונג פון דעם ׳אינטערסטעיט טעסק-פאָרס אויף אומגעזעצליכע רעוואלווערס׳ אויף אומגעזעצליכע רעוואלווערס ביי דעם ניו יארק סטעיט ׳אינטעליגענץ צענטער אין איסט גרינבוש. די זיצונג נעמט אריין געזעץ אינפארסירונג פארטרעטער פון קאנעקטיקוט, מעין, מאסאטשוסעטס, ניו העמפשער, ניו דזשערזי, פענסילווואניע, ווערמאנט, קוועבעק, ווי אויך די ביורא פון אלקאהאל, טאבעק, שיס-געווער און אויפרייס מאטריאל (ATF) און דער ניו יארק סיטי פאליציי דעפארטמענט. הויכפונקטן רעכענען אריין:

- צווישן יאנואר און יוני, האבן סטעיט פאליציי פארכאפט 662 רעוואלווערס. דאס פארטרעט א 98 פראצענט אויפשטייג איבער׳ן זעלבן צייט אפשניט פאריגעס יאר.
- נישט-ניו יארק סיטי רעוואלווער פארכאפונג (סטעיט פאליציי אינאיינעם מיט אנדערע נישט-ניו יארק סיטי יוריסדיקציעס) זענען ביז 94 פראצענט אין פארגלייך מיט 2020 און 40 פראצענט אין פארגלייך מיט 2021.
- היי-יאר, ביז היינט, האבן סטעיט פאליציי דורכגעפירט 346 רעוואלווער נאכשפיר אויספארשונגען. פון די פעלער האבן זיי ווייטער געשיקן 70 אויספארשונג שפורן צו 22 סטעיטס. די פעלער זענען אויספארשונגען פון איינוואוינער פון די סטעיטס וועלכע זענען ארעסטירט געווארן אין ניו יארק פאר אומגעזעצליך פארמאגן און האנדלען אין שיס-געווער.
- גייסטער-רעוואלווער פארכאפונגען זענען געשטיגן 1800 פראצענט זינט 2018, 212 פראצענט זינט 2020, און 38 פראצענט אין פארגלייך מיט׳ן זעלבן צייט אפשניט פאריגעס יאר. געזעץ אינפארסירער איבער׳ן סטעיט האבן צוגענומען 360 גייסטער-רעוואלווער אויף ביז אהער היי-יאר. סטעיט פאליציי האבן פארכאפט 65 גייסטער-רעוואלווער אין 2022, פיר מער ווי זענען פארכאפט געווארן אין גאנץ 2021.

דאטא אויפגעדעקט אין די היינטיגע מעלדונג ציייגן אז פארבעסערטע צוזאמארבעט צווישן שטעט, סטעיטס, און פעדעראלע צוזאמארבעטער הייבט אן צו ברענגען רעזולטאטן, איבערהויפט אין ניו יארק סיטי, וועלכס האט געזען די ערשטע מערקווירדיגע רעדוקציע אין רעוואלווער-פארבינדענע געוואלד-פארברעכנס זינט מאי 2020. סטעיט פאליציי און DOCCS ארבעטן נאענט מיט'ן NYPD און אנדערע צוזאמארבעטער דורך דעם 'רעוואלווער געוואלדפארברעכנס סטראטעגישע צוזאמארבעטשאפט (GVSP) און פארגליכן צו פאראיאר, זענען מערדערייען אין ניו יארק סיטי געפאלן מיט 13 פראצענט און שיסעריי אינצידענטן זענען געפאלן מיט 12 פראצענט.

ארטיגע געזעץ אינפארסיר אגענטורן מאכן אויך אנזעעוודיגע פארשריט אויסער ניו יארק סיטי. דער סטעיט'ס GIVE איניציאטיוו — אדמיניסטרירט דורך דער אפטיילונג פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס — גיבט סטעיט פינאנצירונג צו ארטיגע געזעץ אינפארסיר אגענטורן פאר פערסאנאל, געצייג, טרענירונג און טעכנישע הילף. GIVE שטיצט 20 דעפארטמענטס אין 17 קאונטיס וועלכס באשטייט פון איבער 80 פראצענט פון געוואלדטאט-פארברעכנס אין דעם סטעיט אויסער ניו יארק סיטי. אין פארגלייך מיט פאראיאר, זענען שיסעריי אינצידענטן וועלכע האבן געשעדיגט אראפ באלד 6 פראצענט און די צאל שיסעריי קרבנות איז געפאלן מיט באלד 7 פראצענט לענגאויס GIVE יוריסדיקציעס. די היי-יעריגע רעדוקציע אין רעוואלווער געוואלד-פארברעכנס קומט נאך מערקווירדיגע אויפשטייגונגען אין די יוריסדיקציעס אין 2020 און 2021, אריינגערעכנט א 75 פראצענט העכערונג אין שיסערייען וועלכע האבן פאראורזאכט שעדיגונג פון 2019 אויף 2020. דורך ארבעטן מיט דער לעגיסלאטור, האט גאווערנער האוקול געשאפן 18.2 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג פאר GIVE אין דעם [פינאנץ-יאר 2023 סטעיט בודזשעט](#) — דער [גרעסטער סטעיט אינוועסטירונג](#) אין דעם פראגראם זינט איר 2014 איינפירונג.

**סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט קעווין פ. ברוען האט געזאגט,** "א דאנק די גאווערנער'ס פירערשאפט און אנגייענדע שטיצע פון די סטעיט פאליציי, זעצן מיר פאר ווייטער צו ארבעטן מיט געזעץ אינפארסיר אגענטורן אויף אלע שטאפלען פון רעגירונג אין ניו יארק סטעיט, ארום דעם צפון-מזרח, און אין קאנאדע, אויף אפצושטעלן דעם אנפלייץ פון אומגעזעצליכע רעוואלווער וועלכע קומען אן אין אונזערע קאמיוניטיס. אונזערע מיטגלידער זענען פאקוסירט און אנטשלאסן צו רעדוצירן רעוואלווער געוואלד-פארברעכנס, און מיר זענען דערמוטיגט דורך די פארשריט וואס מיר האבן געמאכט אין לעצטערע מאנאטן."

**אפטיילונג פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמיסיאנערין ראזעננע ראסאדא האט געזאגט,** "די פארלאפענע צוויי יאר זענען געווען אן עקסטרעמע פלאגעניש פאר אונזערע GIVE צוזאמארבעטער און די קאמיוניטיס וועלכע זיי סערווירן. זיי האבן געזען ערשט-האנטיג די חורבנות אנגעברענגט דורך רעוואלווער געוואלד-פארברעכנס אבער זיי ווייסן אויך אז באווייז-באזירטע סטראטעגיעס איינגעפירט דורך GIVE זענען ווירקזאם אין רעדוצירן שיסערייען און ראטעוווען לעבנס. מיר דאנקען גאווערנער האוקול פאר איר שטיצע און אינוועסטירונג אין דער אונטערנעמונג און לויבן אונזערע געזעץ אינפארסירונג צוזאמארבעטער פאר די ארבעט וואס זיי טוען יעדן טאג אויף צו דינען און באשיצן זייער ניו יארקער מיט-בירגער."

גאווערנער האוקול וועט צוניפברענגען אן אויסערגעווענטליכע סעסיע פון דער לעגיסלאטור אום דאנערשטאג, יוני 30 צו דורכצופירן נייע רעוואלווער זיכערהייט לעגיסלאציע אין אפרוף צו דעם פסק פון הויכן געריכט פון די פאראייניגטע שטאטן אין *NYSRPA' ווס. ברוען'.* דער אנטשיידונג האט צוריקגעדרייט א 100-יעריגע לעגאלע פרעצעדענט וואס האט געפאדערט פון יחידים צו ציייגן 'פאסיגע סיבה' אויף צו באקומען א לייסענס צו טראגן באהאלטענע שיס-געווער. אין אפרוף זעצט פאר ווייטער די אדמיניסטראציע צו ארבעטן נאענט מיט דער לעגיסלאטור אויף אויסצוארבעטן נייע פּאָליסי וועלכע וועט שטרענג און פארזיכטיג רעגולירן צוטריט צו באהאלטענע רעוואלווער טראגן פערמיטס און אין דער זעלבער צייט בלייבן אינדערינען פון די באצוימונגען פון דעם געזעץ.

כאטש דער הויכער געריכט פסק האט לאנג-טערמיניגע תוצאות, האט עס נישט קיין באלדיגע ווירקונג אויף שיס-געווער לייסענס אדער פערמיט פראצעדורן. דאס מיינט אז מענטשן קענען נישט תיכף לעגאלערהייט טראגן א באהאלטענע שיס-געווער אן דאס קודם שאפן די איצט-געפאדערטע פערמיט אדער לייסענס. אזוי ווי מען שטייט היינט, איז דער אפליקאציע פראצעס זיך צו שאפן א לייסענס אדער פערמיט אומגעענדערט. די וועלכע זוכן צו ענדערן זייער פערמיט סטאטוס אויף זיך צו פארשאפן אן 'אומבאגרעניצטע ארומטראגן' פערמיט מוזן איינגעבן אן אפליקאציע מיט זייער באשטימטע ארטיגע לייסענסינג באאמטע. רעוואלווער-פארמאגער מוזן ווייטער נאכפאלגן די ביז-איצטיגע באצוימונגען.

די היינטיגע אויסמעלדונג בויט אויף גאווערנער האוקול'ס אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו אגרעסיוו באקעמפן די רעוואלווער געוואלד-פארברעכנס עפידעמיע אין ניו יארק סטעיט. פריער דעם מאנאט האט דער גאווערנער אונטערגעשריבן א היסטארישע לעגיסלאטיווע פעקל צו באלד פארשטערקערן דעם סטעיט'ס רעוואלווער געזעצן און פארמאכן קריטיש-וויכטיגע ארויסדרייעניש-מעגליכקייטן אויפגעדעקט דורך שיסער אין באפעלאו און אוּוואלדע. דער צען-ביל פעקל פארבאט דאס פארקויפן פון סעמי-אויטאמאטישע ביקסן צו סיי וועמען אונטער 21 דורך פארלאנגען א לייסענס, שטעלט באצוימונגען אויף איינקויפן קערפער פאנצער פאר סיי ווער עס איז נישט באשעפטיגט אין א פאסיגע פראפעסיע, און פארשטערקערט דער 'רויטער פאן' געזעץ.

דער פינאנץ-יאר 2023 סטעיט בודזשעט אנטהאלט 227 מיליאן דאלער צו פינאנצירן דרייסטע איניציאטיוון וועלכע וועלן פארשטערקערן די גאן געוואלדטאט אפהאלט באמיאונגען פון געזעץ אינפארסירער און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס. עס אנטהאלט 13.1 מיליאן דאלער צו פארברייטערן דאס באניץ פון קאמיוניטי סטאביליזאציע איינהייטן, 18 מיליאן דאלער אין דירעקטע שטיצע צו ארטיגע געזעץ אינפארסירונג פאר רעוואלווער געוואלד-פארברעכנס פארמיידן, 20 מיליאן דאלער פאר ראיאנישע געברויכן אויף די שפורן פון רעוואלווער געוואלד-פארברעכנס, און 3 מיליאן דאלער פאר'ן אפיס פון שיסעריי פארמיידן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן